№ 75 Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem. פרייז 20 גראשען Lodzer Tageblat

לאָדזער טאַגעבלאַט

21-סטער יאהרגאנג | 27 marca 1928 r. | דינסטאג, ו' ניסן תרפ"ח | רעדאקציע און אדמיניסטראציע: פיעטריקאווער 18. טעלעפאנען: פון רעדאקציע 76, פון אדמיניסטראציע 47

נאך קורצע און שווערע ליידען איז געשטארבען ד. 25 מערץ ה. י. אין עלטער פון 54 יאהר

נ"ע

אדם בארנשטיין

פערוואלטענדער דירעקטאר פון סטאזשיצער פאבריק פון קארט-אויסארבייטונג

ז. בארנשטיין אקצ. געז.

אין פערשטארבענעם פערלירען מיר א געשעצטען און אונערמידליכען ארבייטס-גענאסע. זיין אנדענקען פערבלייבט שטענדיג ביי אונז.

די פערוואלטונג

פון סטאזשיצער פאבריק פון קארט-אויסארבייטונג

ז. בארנשטיין אקצ. געז. טאמאשאוו מאז.

די מעבעל-פאבריק „MEBLOPOL"

טאכט בעקאנט דער געעהרטער קונדשאפט, אז ס'איז געעפענט געווארען א פערסויף-שטעל אין

לאדז, זשעלאנא 6 טעל. 33-71

און בעזיצט א רייכען אויסוואהל פון די מאדערנסטע און עלעגאנטסטע ביז די בעשיידענסטע

צימער-איינריכטונגען ווי אויך איינצעלנע מעבעל-שטיקער

רעעלע בעהאנדלונג. .... לאנגיעהריגע גאראנטיע. .... די בעסטע בעדינגונגען.

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז געשטארבען אין עלטער פון 71 יאהר אונזער ליבער פאטער, שוויגערפאטער, גרויספאטער ברודער און פעטער

נ"ע

מנשה מענדיל ציטראן

די לויה קומט פאר היינט דינסטאג 2 א זייגער נאכמ. פון טרויער-הויז פולנאצנע 12 א. וועגען דעם פ'טעלען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

Wyrazy szczerego i serdecznego współczucia z powodu śmierci

b. p. Adama BORNSTEINA

dyrektora zarządzającego Starzyckiej Fabryki Wyrobów Sukiennych Z. BORNSTEIN Sp. Akc.

składa

M. Pakin Tomaszów Maz.

בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאכען מיר בעקאנט דער געעהרטער יודישער בעפעלקערונג, אז

מאשין-מצות

איז צו בעקומען אין דער לאדזער בעקעריי

זאמענהאף 15

מיט אכטונג

די פעראייניגטע בעקער-מייסטער

זאמענהאף 15.

בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאך איך בעקאנט, אז דער פראקורענט פון מיין פירמע ה' אברהם טאטארקא האט פון 21 מערץ 1928 אויפגעהערט צו רעפרעזענטירען מיין פירמע און די בעפולמעכטיגונג איז איהם אפגענומען געווארען און פון דעם אויפגעהערטען דאטום וועלען קיינע טראנזאקציעס, וועלכע וועלען פון איהם געמאכט ווערען ווי אויך אינקאסא נישט אנערקענט ווערען. מיט אכטונג

Mechaniczna Fabryka Pończóch

Jakób Szlezynger, Łódź, Żeromskiego 31.

א יונגעל

מיט פאלקס-שול-בילדונג, מיט גוטע רעקאמענדאציעס ווערט פון זאפארט געזוכט.

צו ערפאהרען אין אדמיניסטראציע פון „לאדזער טאגעבלאט".

Na sezon wiosenny

poleca: UBIORY DZIECINNE, PALETKA, MUNDURKI SZKOLNE — znana firma

M. GLASS,

WSCHODNIA 59.

przyjmuje obstalunki z własnych i powierzonych materjałów po cenach przystępnych i dogodnych warunkach.

פריוואט

טאנץ-לעקציעס

פאר 15 זלאטעס קען זיך יעדערער אויסלערנען שעהן טאנצען אלע נייעסטע מאדערנסטע טענץ, ביי דעם לאנגיעהריגען קאנצעסיאנירטען טאנץ-לעהרער י. דעמבינסקי, אין דער פריוואט-וואוינונג קילינסקע 15 (הינטערהויז), פרענט 1 שטאק.

בעט. פאר גרינדליכע ערלערנונג גאראנטירט.

מיט אכטונג טאנץ-לעהרער

י. דעמבינסקי, קילינסקיעגא 15.

Dr. med S. Neumark

Moniuszki 5, (מאניושקי-גאס)

Telef. 70-50 טעלעפ.

ספעציאל-ארצט

פאר הויט, האר- און ווענערישע-קראנקהייטען

בעהאנדלונג מיט רענטגען-שטראהלען.

נעמט אן פון 11 ביז 1 און פון 7—8,

פרויען פון 3 ביז 4 נאכמיטאג

Dr. Różaner

ספעציאליסט פאר הויט-ווענערישע קרענקהייטען און מאגען-שוואכקייט.

היילונג מיט קווארץ-שטראהלען און דיאטערמיע

Dzielna 9 (Narutowicza) 28-98 טעל.

פון 8—10, 5—8, פרויען 3—4.

אנ'עקספערא ווארטע-זאל פאר פרויען.

לעזט און אבאנירט דאס „לאדזער טאגעבלאט",

צו קאנקורענץ-פרייזען!

לכבוד פסח!

פערשי' דענע ווינער שטיהל און גאלאנטעריע-מעבעל

פון גרעסטען ביז'ן קלענסטען קוואנטום פון די וועלט-בעריהמטע און עלטסטע פירמע

Tow. Akc. Fabryki Mebli Giętych

„Wojciechów"

קען מען בעקומען נאר ביי דעם הויפט-פערטרעטער אויף לאדז און אומגעגענד

א. וו. שעראקאוויאק, נאפיורקאווסקי 44 (רוג סילינסקי)

צופאהר-טראמווייען 17 און 4.

צו קאנקורענץ-פרייזען!

כשר לפסח | צו דער געעהרטער קונדשאפט! | כשר לפסח

דערמיט מאך איך בעקאנט, אז אויף דעם קומענדיגען יום-טוב זענען מיינע בעשטענדיגע פערזעהען מיט די בעסטע און געשמאקסטע

גערויכערטע פליישען, ווי:

סאלאמי-ווורשט און סעלצער-ווורשט **כשר לפסח!**

ווי אויך טעגליך פרישען און געשמאקהאפטען אויפשניט און ווינער ווורשטעלעך

מיט אכטונג ד. דיאמענט

צענטראלע: זאוואדזקא 9. טעל. 48-09.

פיליאלען: פיעטריקאווער 45, טעל. 30-41.

נאוואמיעיסקא 24, 49-42.

וווסכאדניא 50

בעמערקונג: אין יעדער פאבריקס-אנגעלעגענהייט ווענדעט זיך צו דלוגא 14.

א בשורה טובה פאר לאדז און אומגעגענד!

צו דער בעקוועמליכקייט פאר'ן פובליקום אין לאדז און אומגעגענד האב איך אין מיין

וויין-געשעפט

צו פערקויפען וויין פון די פירמעס: שולדענריין פון ווארשא, פראנציסקאנער 11 און א. נ. ליבערמאן, ווארשא, פראנציסקאנער 19 מיט די זעלבע פרייזען ווי אין ווארשא ווי אויך קאניאקען, כרמל-וויינען, ליקערען, שפריט של פסח

פאר א גרעסערען קוואנטום ראבאט.

בעמ.: היות ווי מיר זענען געפינען 33-יעהריגער אין עסק, האבען אויסגעארבייט אויף אונזער פירמע א נאמען, וויל איך ... שולדענריין.

מיט אכטונג גוטמאן, פריידהיים-פלאץ 11, טעלעפאן 48-20.

היינט ווערט געעפענט דער סיים

די זיצונג וועט געעפענט ווערען דורכ'ן מארשאל פּילסודסקי.

פיבערהאַפטע בעראַטונג פון אַלע סיים-קלובען. — דער קאַמף צווישען די קאַנדידאַטורען פון באַרטעל און דאַשינסקי אויף סיים-מאַרשאַלעק. — היינט ענטגילטיגע זיצונג פון יודישען „קאָלא" וועגען פרעזעס פון קלוב און וועגען דער שטעלונג צו דער קאַנדידאַטור פון סיים-מאַרשאַלעק.

לעבהאַפטע בעוועגונג אין סיים.

וואַרשא. (טעלעגראַפיש) געשטערן האָט זיך אין די קולואַרען פון סיים אַנגעהויבען אַרויסצוווייזען סימנים פון לעבען. אין די זאַלען האָבען זיך אַרום באַוועגט גרופּעס נייע דעפּוטאַטען, וואָס זענען שוין געקומען צו פאַרהערען פון דער קאַנצעליי. מען האָט שוין די אַלטע לעגיטימאַציעס פון די סיים-קלובען צוזאַמענגעשטעלט מיט א שטאַב פון גאַנץ, צום ערשטען מאָל אויסגעזוכטע דעפּוטאַטען.

די סיים-קאַנצעלאַריע האָט אַנגעשטעלט א נאָכגעשיקטע מיט אויסגעשטעלטע די רשימה פון די דעפּוטאַטען און סענאַטאָרען און היינט וועט די דאַזיגע רשימה זיין אַפּגעשלאָסען וועגען און דער קאַנדידאַט פון דער פּראַוויזאָריע.

דער קאַמף צווישען די קאַנדידאַטען באַרטעל—דאַשינסקי.

אין די סיים-קרייזען רעדט מען שטאַרק וועגען דעם קאַמף, וואָס וועט פאָרקומען צווישען די קאַנדידאַטען אויף סיים-מאַרשאַלעק. מען רעכענט, אַז דער שטענדיגער קאַנדידאַט וועט זאָגן אַנצ'ען זייער פיל שטימען. פאַר אים וועלען שטימען פ.פ.ס., ווייזאַלעניע, נ.ד. די שטעלונג פון די יודישע דעפּוטאַטען איז נאָך ביז איצט נישט פעסטגעשטעלט געוואָרען. כמעט אַלע סיים-קלובען זענען געווען צוזאַמענגעשטעלט בעראַטונגען, אויף וועלכע עס זענען אויסגעארבייטעט געוואָרען די פּרינציפּען פון די קלובען און

עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען די פראַגע וועגען די קאַנדידאַטורען אויף מאַרשאַלעק. סיידן פיליכטע האָבען אַנער סיין שטעלונג נאָך נישט אָנגענומען. היינט פאַרמיטאָג וועלען געשלאָסען ווערען די פאַרהאַנדלונגען, וואָס עס ווערען אַנגענומען דערווען אַנ'ענדגילטיגער בעשלוס. מען איז זיך אַבער משער, אַז סוף כל סוף וועט אויסגעוויילט ווערען אלס מאַרשאַלעק דער וואַרשע פרעזידענט באַרטעל. וויפיל דעפּוטאַטען וועלען בעת דער אַפּשטימונג אַרויסגעהן פון זאַל איז זייער שווער פאָרויסצוזאָגן.

די זיצונג פון יודישען „קאָלא".

דעפּ. האַרטגלאַס די גרעסטע שאַנסען ווידער אויסגעוועהלט צו ווערען אַלס פרעזעס.

פאַרנאַכטאָג איז פאַרגעקומען א זיצונג פון אַלע יודישע דעפּוטאַטען, וואָס זענען געוועהלט געוואָרען אויף דער ליסטע נומער 18 און 17. דעם פאָרזיץ האָט געפירט דער עלטסטער דעפּוטאַט, ד"ר ווינאַוועקי פון ווילנא.

ד"ר ווינאַווער האָט געהאַלטען א רעפעראַט וועגען דער נויטווענדיגקייט פון גרינדען א „קאָלא", אין וועלכער עס זאָלען אריינגעהן אַלע דעפּוטאַטען פון די צוויי אייגענערטראַגעטע ליסטעס. דעפּ. גרינבוים האָט זיך ערקלערט און צוגעשטימט. ער זאָגט זיך אַבער קאַטעגאָריש אָפּ אויפצושטעלען דעם אַמט פון פרעזעס אין דער „קאָלא". ער לעגט פאָר דעם דעפּ. האַרטגלאַס.

די דעפּוטאַטען רייך און ראָזמאַרין ערקלערען, אַז קודם-כל מוזען פעסטגעשטעלט ווערען די פּאָליטישע דיסציפּלין פון דער קאָלא און דאַן קאָן מען ערשט רעדען וועגען אויסגעוואַלטען. זיי זאָגען זיך אַבער אויך אָרוים פאַר דעפּ. האַרטגלאַס אַלס דעם פאָרזיצענדען פאַר דער קאָלא אויף פרעזעס.

דעפּ. פאַרנשטיין לעגט דאָן פאָר צו ערקלערען די „קאָלא" פאַר געשלאָסען. פאַר דעם פאַרשלאַג שטימען די דעפּוטאַטען פון דער ליסטע נומער 18 און ר"ד מאַז פון דער ליסטע 17.

די פראַגע וועגען פרעזעס און וועגען דער שטעלונג צו די קאַנדידאַטורען אויף סיים-מאַרשאַלעק איז פאַרשלאָסען געוואָרען אויף דער זיצונג, וואָס קומט פאָר היינט 2 נאָכמיטאָג.

די לעצטע בעראַטונג פון די קלובען.

היינט דינסטאָג פאַרמיטאָג וועט און בעין פון סיים פאַרקומען א בעראַטונג פון די דעפּוטאַטען, וואָס געהערען צו דער באַנגאַציע, ר. ה. די וואָס זענען געוועהלט געוואָרען אויף די ליסטעס נומער 1, 21 און 30. אויף דער בעראַטונג וועט אויס-

געקליבען ווערען דער פרעזידיום פון'ם „סיים קלוב פאַר מיטאַרבעט מיט דער רעגירונג". ווי מען שמועסט, וועט אַלס פרעזעס געוועהלט ווערען פּאָלקאָווניק קאָזלאָוסקי, וויצע פרעזעסען: שליסא, דער פירשט ראַדזיוויל, סטרזעלעצקי און כאָש-

שטאַלקאָווסקי, ווי אויך דער סענאַטאָר ראַזמאַן.

א תרין דעם וועלען אויך אַלע אַנדערע קלובען האַלטען זייערע זיצונגען, וועלכע וועלען דויערען א גאַנצען טאָג ביז 4 נאָכמיטאָג.

די פייערליכע ערעפענונג פון סיים.

פּונקט האַלב 6 אוהנער וועט פאָרקומען די פייערליכע ערעפענונג פון סיים. דעם דעקרעט וועגען דער עפענונג וועט נישט לייענען דער סלוזטער פרעזידענט, נאָר דער מאַרשאַל פּילסודסקי. האַרנאָך וועט דער מאַרשאַל אָנפאַנגען דעם פאַרזיץ פון דעם עלטסטען דעפּוטאַט, וואָס וועט קריגען מעגליך דעם סיים פאַר א קורצע צייט. וועלכער וועט זיין ערשט ביי פאַר דער שבועה. נאָר דער שבועה פון אַלע דעפּוטאַטען וועלען פאָרקומען די וואַהלען פון כמעט מאַרשאַלעק.

אריינגעטראָגן דעם בודזשעט-פּראָוויזאָריום אין סיים

וואַרשא. (טעלעגראַפיש) די רעגירונג האָט היינט איינגעטראָגען אין דער סיים-קאַנצעלאַריע דאָס פּראָוויזאָריום פון בודזשעט פאַר דער צייט פון 1. אַפּריל ביז דעם 1. יוני ד. י. דאָס היינטיקע פון ערשטען קוואַרטאַל פון נייעם בודזשעט יאָהר. דאָס פּראָוויזאָריום בעשטימט די רעגירונג צו מאַכען הוצאות אויף א סומע פון 618 מיליאָן זלאָטעס.

אכטונג!

דערמיט מאַכען מיר אויפמערקזאַם, אַז די

1000 אומזיסטע בילעטען
אויף שוויץ-בעדער,

וועלכע די אפּטיילונג האָט געשאַנקען, וועלכע פאַרטיילט ווערען אין דער אַדמיניסטראַציע פון „לאָדזשער טאָגעבלאַט" פּיעטריקאָווער 16 היינט, דינסטאָג, ביז דעם 1-טען אַפּריל איינשליסליך פון 10 פריה ביז 6 אוהנער אָהן איבערברעכונג.

בעמ.: די בילעטען אויף די שוויץ-בעדער זענען גילטיג אויף מאָנטאָג ד. 2. אַפּריל יעדער אין זיין בעשטימטע שעה.

אַדמיניסטראַציע פון „לאָדזשער טאָגעבלאַט".

ספּעציעלע שאַצונגס-קאָמיסיע פאַר לאָקאַלען און פרייע פּלעצער,

כדי פעסטצושטעלען די הויך פון לאָקאַל-שטייער

(§) ביי דער שטייער אַפּטיילונג פון מאַגיסטראַט איז געשאַפען געוואָרען א ספּעציעלע קאָמיסיע צו שאַצען די לאָקאַלען און די נישט באַבויטע פּלעצער. אייף'ן יסוד פון די דאָזיגע שאַצונגען וועט צוגעשטעלט ווערען דער לאָ-קאַל שטייער. אין דער דאָזיגער קאָמיסיע זענען אריין צוויי יודישע ראַטמענער, די ה"ה מילמאַן און האַלפּערין. די קאָמיסיע וועט נאָך די ווינטערס ווערען אַפּגעשאַפט, עס איז אמת ערשט זיצונג.

אַז מיר ווערען אינפאָרמירט האָט דער דירעקטאָר פון אַנ'אָרגאַניזירטער טרופּע אין פיליאַלע זיך געוואַנדט צו די באַוואָהנער לאָדזשער מאַגיסטראַט, די געזעצליכע פויכע מיט א פאַרשלאַג וועגען אנטוויקלען דער יודישער מעקלער. די געבראַכטער מייבע האָבען אָבער צוליב שבת החיה דעם פאַרשלאַג נישט אַנגענו- מען. — און די יודישע פרומע האָט דער פאַלק געמאַכט א שטאַרקען אינטער- ריוט. און ווי מען מעלדעט ווערען אנגע- טראָגען די נעהעריגע שריט צו רעגי- סטרירען די מינים סינטאַקסטער, געפירט פאַר אַלע יודישע שמחות און פאַרווייל-גענג, וואָס זענען פרייט פון חלל שבת.

א באַהו-קאַטאַסטראָפע הינטער טאַרנאָוו.

13 וואַגאָנען צושמעטערט געוואָרען.

וואַרשא. (טעלעגראַפיש) פון קראָקא איז אַנגעקומען א ידיעה, אַז אויף דער באַהן-סטאַנציע טשרווע, וואָס געפינט זיך צווישען טאַרנאָוו און קראָקא איז געלאָפען פאַרקומען א באַהן קאַטאַסטראָפע מיט א משא צוג, וועלכער האָט זיך צוזאַמענגעשטויסען מיט מאַנעווריר-רענדע וואַגאָנען. די פאַלגען זענען געווען שרעקליכע. 3 וואַגאָנען מיט קוילען זענען אויף האַלבן וועג צושפּאַלטען געוואָרען. אַנדערע זענען אין איין שטיקער, אַבער נאָך 7 וואַגאָנען זענען שווער בעשעדיגט געוואָרען. די באַהן-קאַמוניקאַציע איז צוליב דער קאַטאַסטראָפע אונטערגע-בראָכען געוואָרען אויף א שטיקל צאָל שעה.

פער'משפּט צום טויט 2 אוקראַינישע סאָציאַל-דעמאָקראַטען אין קיעוו.

לעמבערג, 26. מערץ. (א.ו.ז.) קיעווער מעלדעט מען, אַז דאָס קאָוויעטע-שע געריכט האָט פער'משפּט צום טויט עטליכע אַנגעהערער פון דער אוקראַיני-שער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. צווישען אנדערע זענען שוין דערשאָסען געוואָרען אַלבא טוראַווסקאַ און אַנגוש. פעטרענ-קא. די דערשאָסענע זענען בעשולדיגט געוואָרען אין אַנ'אקטיווע געגען די סאָוועטען.

און גאַנצען לאַנד קומען פאָר אַרעסט-טען!

פּאַסאַף בעזיגט שטעקער'ן.

יודען מאַכען דעם זיגער רוישענדע אוואַציעס.

וואַרשא. (טעלעגראַפיש) נעכטען אָוונד איז אין צירק פאַרגעקומען א מאַטש צווישען דעם פּוילישען אַטלעט שטעקער מיט פאַסאַפ'ן. צוליב דעם גרויסען מוטיל איז דער וואַרשאַווער יודי-שער פּובליקום געווען צו אַזא פּאַס-סאַף אין א יאָר ארעד גרויס, און זיין נאָ-מען געווארען טאַלמעהר פּאַפּולער, אזוי אַז דער געבוירענער קאַמף האָט צוגעצויגען אַ

גרויסע ארויגע עולם. אַלע פּלעצער זענען אויסעקויפט. פריוועטנער מען שוין האָבען געמאַכט אוואַציעס פון דער קאַסע אַרוס בולעטען. דער קאַמף האָט געדויערט 80 מינוט. צום סוף האָט פּאַ-סאַף בעזיגט שטעקער'ן. דער יודישער עולם האָט געמאַכט פּאַסאַפ'ן רוישיגע אוואַציעס.

בעקאַנטמאַכונג:

דערמיט מאַך איך בעקאַנט מיינע געעהרטע קונדשאַפט, דאָס מיינע געשעפטען וועלכע געפינען זיך:

צענטראַלע: זגערזשער 32

פיליעס: צעגיעלניאַנא 22

„ באַלוטער רינעק 3

זענען פּערזעהן מיט די בעסטע און שמאַקהאַפטסטע פּערשידענע גערויכערטע

פליישען על חג הפּסח

מיט אכטונג ל. אַמזעל.

J. FUTERMAN

ŁÓDŹ.

PIOTRKOWSKA 54 TELEFON 8-54

דעמי"ל — הורט!

DYWANÓW

CHODNIKÓW

FIRANEK

PORTJER

KAP

POLECA OSTATNIE NOWOŚCI

NARZUTEK

POKRYĆ

MEBLOWYCH

CERAT

i LINOLEUM

ריזיגע אויסוואַהל

אַרבעט פון די בעסטע

אליינפערקויף אויף לאָדז און וואָיעוואָדזטווא פון די בעסטע ביעלסקער האַנד-דיוואַנעס.

בעמ.: עלטע אין א רייכען אויסוואַהל צו קאָנקורענץ-פּרייזען.

Baczność Fryzjerzy!!

W dniu 28/3 r. b. to jest w środę o godz. 8 wiecz. odbędzie się w lokalu Cechu Mistrzów Fryzjerów przy ul. Sienkiewicza 16

Wiec Majstrów i Pracowników Fryzjerskich

w sprawach zawodowych na który zapraszamy wszystkich.

Komisja Porozumiewawcza
Majstrów i Pracowników.

בעקאַנטמאַכונג.

די יוגענדליכע סאָאפּעראַטיווע לייה-קאַסע ביי שעורי ערב שבת, טעלנע 7 מאָכט בעקאַנט, אַז דאָנערשטאָג, דעם 29 ד. ח. 6 א זייגער אָוונד קומט פאָר א גענעראַל-פערזאַמלונג אין אייגענעם לאָקאַל טעלנע 7.

טאָג-אָרדנונג: בעריכט, ליקווידירונג.

בעמ.: ביי נישט גענוגענדער צאָהל מיטגלידער קומט פאָר די פערזאַמלונג 8 אוהנער צום 2-טען טערמין ביי יעדער צאָהל מיטגלידער. די פערוואַלטונג.

Dr. Wołkowyski

זאַכאָדניאַ 59 (צעגיעלניאַנא 19) טעל. 87-12

ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט און ווענערישע קראַנקהייטען און מענער-שוואַכע

בעהאַנדלונג מיט קווארץ-שטראַהלען

נעמט אָן פון 1—2 און 4—8. פרויען פון 4—5

ספּעציעל וואַרטע-צימער.

Dr. Niewiażski

SIENKIEWICZA 34, tel 59-40

ספּעציאַל-אַרצט פאַר סיפיליס, טריפּער און מענער-שוואַכע

בעהאַנדלונג מיט קווארץ-שטראַהלען.

603 נעמט אָן פון 5—9 אָוונד.

Dr. M. Goldfarb

זאַוואַדזקאַ 18. טעלעפאָן 51-30.

הויט- האַר- און געשלעכטס-קראַנקהייטען

נעמט אָן פון 9—12 פריה. און 5 - 8 אָוונד.

פאַר אַנגעשטעלטע — פּרייזען ערמעסיגט.

Dr Prybulski

זאַוואַדזקאַ 1 — טעלעפאָן 25-88

וועניריסט הויט און הויט-קראַנקהייטען, מענער-שוואַכע

בעהאַנדלונג מיט קווארץ - ליכט (האָר - אויספאַל) און רענטגען-שטראַהלען.

נעמט אָן פון 6 — 1 דאַמען אַפּ. און 4—8 פון 4—5

פּלעגט די פיס

PEDICURE

S. Łódzki



Traugutta 5 (Krótka), m. 10

טעל. 70-87. נעמט אָן פון 11—2 און 4—7

געהיילענער אַסיסטענט אין מיסטער קליסטען

(הינער-אויגען-אונגעוואַקסענע נעגעל).

ספּעציאַליסט צו בעזייטיגען הינער-אויגען און הארטהויט

אין פּערפעקטער ספּעציעלער פאַר מאַסאַזש און פעדיקור די פיס.

שפּריט של פּסח

אויף ליקער פון אַלע פירמעס — אין פלאַשען —

אויך הורט מיט שוואַרצע-פּאָשען פּאָשען-וואַזאָן, פאַר סוחרים פון 15 ליטער אָן.

צו בעקומען אין דער לאַנגיעהריגע - קאָנסערווירענדער

„WINKOL" הורטאַווער וויינהאַנדלונג א. ד. פירמע

אינהאַבער: א. י. כאַסילעוו, לאָדז ציגעל-גאַס 32 טעל. 25-38.

די פירמע עקזיסטירט פון יאָהר 1890.

בעמערקונג: צוליב דעם פּראַקטישען איבערפלוס פון שפּריט של פּסח, האָט דער צענטראַל-פאַרבאַנד פון אַלע 4 גאָרזשעלניעס אין פּוילען בעשטימט דיי-יאָהר פאַר דער לאָדזשער וואָיעוואָדזטווא נור צירקע 50% פון פּראָפּאָרציאָנעלען קאָנטינגענט. צוליב דעם וועט אויך דורך טעכנישע שטערונגען איז איין גאָרזשעלניע גאַרנישט אויסגעפירט צו ליפערן, איז דאָס דאָס יעדער סוחר זאָל זיך שנעלסטענס ביז דעמאָלט פּרוּבירען מיט סחורה.

די צענטראַל-פאַרטיילשטעלע „WINKOL"

D-r P. Klinger

ספּעצ.-אַרצט פאַר הויט-האָר-און געשלעכטס-קראַנקהייטען

האָט זיך איבערציגען אויף

אנדזשעיאַ 2, טעל. 32-28.

נעמט אָן טעגליך פון 1,30 ביז 2,30 פאַר דאַמען. און פון 6—8 אָוו. פאַר מענער. זונטאָג פון 10—12 פריה.

Dr. med. A. Mazur

ספּעציאַל-אַרצט פאַר אויערן, נאָז און האַלז-קראַנק. ווי אויך שפּראַך און שפּראַך-פעהלער

האָט זיך איבערגעצויגען אויף

וואַלטשאַנסקאַ 65

איינגאַנג אויך דורך פּיעטריק. (46 טעל. 66-01

נעמט אָן פון 11½—12½ און פון 3—5 נאָכמ.

צאַהן-אַרצט

Z. BIELAKOWSKA

פון וואַרשא — נעמט אָן

קילינסקי 113 (נאַווראַט 41) טעל. 48-27

פון 10—1½ פאַרמ. און פון 4—7 אָוונד

רענטגענבילדער, פּלאָמבירען, הייל. פון דושגעלס, ציין, א. ז. וו. — די וויגדא איז מעסיג.

Dr. Z. Rakowski

ספּעציאַליסט פאַר אויערן, נאָז, האַלז און לונגען-קראַנקהייט.

קאַנסטאַנטינער 9, טעלעפאָן 81-37.

שפּרעכשטונדען 12 — 2 און פון 5—7.

אויסער זונטאָג ד. 17 אַפּריל ביז 19 אַפּריל.

ביז 11 און פון 2 ביז 3 נאָכמ. solo

Dr. med. M. Heller

ספּעציאַליסט פאַר הויט און וועגערישעסקראַנג און מענער-שוואַכע

נאַוואַט 2

נעמט אָן ביז 10 פריה, פון 1—2 און פון 4—8 אָוונד.

פאַר פרויען פון 4—5 נאָכמ.

פאַר אינטעליגענטע לעסטע נייצ-פּרייזען.

Dr. med. L. Pikielny

ספּעציאַל-אַרצט פאַר

נירען, בלאַזע און האַרן-קראַנקהייטען

Nawrot 8, tel. 19-90

נעמט אָן פון 4—7 אָוונד.

לאָדזשער טאָגעבלאַט

דער רעדאַקטאָר נעמט-אָן פון 6 ביז 7 אין אָוונט.
נישט באַשטעלטע מאַנוסקריפּטען ווערען נישט צוריקגעשיקט.

אַדרעס: Lodzer Tageblat", Łódź, Piotrkowska 16, Skrz. poczt. 16
טעלעפאָנען: פון רעדאַקציע 57. אַדמיניסטראַציע 47.

דאָס נייע בלעטעל
פון פּוילישען פּאַרלאַמענטאַריזם.

די גרויסע „פּאַרלאַמענטאַרישע הפסקה", וואָס האָט ביי איהר אָנהויב אָנגעהאַרפּעט אַזוי פיל אומרוה און ספקות, — געהט צו ענדע.

היינט ווערט אויפגעמישט אַזאַ בלעטעל אין דער געשיכטע פון פּוילישען פּאַרלאַמענטאַריזם. אָבער דאָס בלעטעל איז דערווייל א „טאַבולאַ ראַזאַ" און מיט גרויס שפּאַנונג קוקען אַלע אויס, ווי און וואָס דאָ וועט ווערען איינגעשריבען.

די וואַהל-קאַמפּאַניע צו די געזעצגעבערישע קערפּערשאַפטען איז דאָס מאָל געווען גאָר פון אַנ'אַנדער כאַראַקטער, ווי צו די פריהערדיגע סיימען. דער אויסגאַנג פון די וואַהלען און דער גראַנדיעזער נצחון פון'ם „פּראָ-רעגירונגס-בלאָק" האָבען געשאַפען גאַנץ נייע צושטאַנדען אויפ'ן פראָנט פון אונזער פּאַרלאַמענטאַריזם, וואָס דאַרף היינט, אין טאָג פון דער ערעפענונג פון סיים, געפינען זיין אויסדרוק אין דער וואַהל פון'ם סיים-מאַרשאַלעק.

עס איז באַקאַנט דער קאַמף, וואָס געהט אַרום די קאַנדידאַטען אויף דעם דאָזיגען עהרענפּאָסטען און פּאָליטיש-וויכטיגען אַמט.

באַרטעל און דאַשינסקי זיינען געוואָרען סימבאָלען. דער נצחון פון דעם, אָדער פון יענעם וועט נישט זיין קיין פּשוט'ער נצחון פון א געוויסער פּאַרטיי, אָדער גרופּירונג.

עס געהט נישט וועגען די פּערזענליכע מעלות אָדער חסרונות פון די ה"ה באַרטעל און דאַשינסקי; סיי דער, סיי יענער וואָלטען ביי אַנדערע אומשטענדען געקענט אויסגעוועהלט ווערען, אָדער געקענט דורכפאַלען — קיין דעציזירענדע בעדייטונג וואָלט אָט דער פאַקט נישט געהאַט.

די וואָגיגקייט פון'ם מאַרשאַלעק-וואַהל ליגט אויך נישט אין דעם, וואָס דעם קלוב פון'ם „איינסעל" וועט געלונגען צו געווינען פאַר זיין קאַנדידאַט די נויטיגע צאָהל שטימען, אָדער נישט.

דאָס בעדייטענדע, דאָס ענטשיידענדע איז דערין, וואָס גאָר אַנדערע פּאָליטישע איינפלוסען שטעהען דאָ אין קאַמף, איינפלוסען, וואָס די דורכזעצונג פון זיי וואָלט בעדייט דעם אָנהויב פון א נייעם סיסטעם, די התחלה פון א נייעם סדר, צו וועלכען עס איז שווער צוצופּאַסען א נאָמען, וואָס איז אָבער אין תוך גענומען עפּעס ראַדיקאַל-נייעס, נאָך נישט-געזעהענעס, אָהן א קלאָרען אינהאַלט און אָהן א דעפינירטען פּראָגראַם.

באַרטעל-דאַשינסקי — דאָס איז דער גראַנגעל פאַר דעם „ריינעם" פּאַרלאַמענטאַריזם, ווי מיר האָבען געהאַט ביז-אַהער, און פאַר א נייעם סאָרט פּאַרלאַמענטאַרישער מיטאַרבייט מיט דער רעגירונג, ווי ער פאָרעמט זיך ביסלעכווייז אויס אין פּוילען אין'ם גאַנג פון די געשיכטליכע געשעהענישען.

אָט דאָס איז עס, וואָס שמידט צו די אויפמערקזאַמקייט פון גאַנצען לאַנד און אויך פון אויסלאַנד צו די פאָלגען-רייכע דעציזיעס, וואָס וועלען היינט פאַלען אין דעם פאַר ערנסטע און שווערע נסיונות געשטעלטען סיים...

י. ק.

צווישען ארץ-ישראל און עבר-הירדן
וועט נישט עקזיסטירען קיין צאָל-גרעניץ.

ירושלים, 26. מערץ. (יטא) דאָ איז פאַרעפענטליכט געוואָרען דער אָפיציעלער אָפּמאַך צווישען דער ענגלישער רעגירונג און דער רעגירונג פון עבר הירדן. אין ערשטען פּונקט ווערט געזאָגט, אַז ס'ווערט אָנערקענט די זעלבסטשטענדיגקייט פון עבר הירדן אונטער דער רעגירונג פון עמיר אַבדוללאַ. ווייטער זאָגט זיך, אַז אין דער נאָהענטסטער צייט וועט געשאַפען ווערען אין עבר הירדן א קאָנסטיטוציאָנעלער ראַט. די רעגירונג פון עמיר אַבדוללאַ קאָן אָנקניפּען אויסלענדישע פּאָליטישע בעציהונגען מיט אַנדערע מלוכות נאָר דורך דער פערמיטלונג פון גרויס-בריטאַניען. די רעגירונג פון עבר הירדן קאָן נישט בעשטימען קיין פאָרשטעהער אין אויסלאַנד אָהן דער הסכמה פון ענגלאַנד. ענגלאַנד האָט דאָס רעכט צו האַלטען מיליטערישע אַרמייען אין עבר הירדן. צום סוף ווערט פעסטגעשטעלט, אַז צווישען עבר הירדן און ארץ ישראל קאָן נישט עקזיסטירען קיין שום צאָל-גרעניץ. דער דאָזיגער פּונקט האָט א גרויסע בעדייטונג פאַר דער ארץ-ישראל'דיגער אינדוסטריע, וועלכע האָט אין עבר הירדן א גרויסען אָפּזאַץ-מאַרק.

אַמעריקאַנער ציוניסטען געשיקט הונדערט טויזענד דאָלאַר קיין ארץ-ישראל לכבוד דעם אָנקומען פון ד"ר ווייצמאַן קיין אַמעריקא.

ניו-יאָרק, 26. מערץ (יטא) די עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקא האָט לכבוד דעם אָנקומען פון ד"ר ווייצמאַן אַהער געשיקט טעלעגראַפיש צו דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין ארץ ישראל הונדערט טויזענד דאָלאַר.

קאַמף מיט דער אַסימילאַציע אין דייטשלאַנד.

בערלין, 26. מערץ. (יטא) אויף דער פערזאַמלונג פון דעם לאַנדעספערבאַנד פון די יודישע קהלות אין פּרייסען איז אויסגעבראָכען א פּרינציפּיעלע מיינונגס-פערשידענהייט צווישען די ציוניסטען און אָרטאָדאָקסען פון איין זייט און די ליבעראַלען און אַסימילאַטאָרען פון דער אַנדערער. די ציוניסטען האָבען פאַרלאַנגט, אַז אין דעם געזעץ וועגען פערבאַנד פון די יודישע קהלות אין פּרייסען זאָל געזאָגט ווערען, אַז אַלע דייטשע יודען זיינען פערפליכטעט צו געהערען צו די אָרטיגע יודישע קהלות. ווייטער האָבען די ציוניסטען און די אָרטאָדאָקסען פערלאַנגט, אַז די פערוואַלטונג פון דעם פערבאַנד זאָל אויסגעקליבען ווערען אויפ'ן יסוד פון דירעקטע וואַהלען דורך די יודישע קהלות און אַז דער פערבאַנד זאָל שטעהען אין פערבינדונג מיט'ן אַלוועלטליכען יודענטום.

וואַלדעמאַראַס בעטייליגט זיך אין א חנוכת-הבית פון א יודישער אינסטיטוציע.

קאָוונאָ, 26. מערץ. (יטא) דאָ איז פאָרגעקומען די פייערליכע חנוכת הבית פון יודישען גימנאַזיום-הויז פון א.ח., וואָס איז געבויט געוואָרען אויפ'ן נאָמען פון פּראָפעסאָר... צו דער פייערונג איז געקומען דער ליטווישער פּרעמיער-מיניסטער וואַלדעמאַראַס, דער אונטער-מיניסטער, פאָרשטעהער פון קאָוונער שטאָט-ראַט און אונטערנעהמער. א חוץ דעם זיינען געקומען ספּעציעלע דעלעגאַציעס פון א רייהע שטעטלעך. דער בוי פון גימנאַזיום-הויז האָט געקאָסט 50 טויזענד דאָלאַר.

—o—

מאָריס שוואַרץ קלאָגט זיך,
אַז ער האָט נישט קיין פּובליקום.

אין דער אַנקעטע פון ניו-יאָרקער „טאָג" צווישען יודישע אַקטיאָרען אונטערן טיטעל „איך און דאָס פּובליקום" בעטייליגט זיך אויך מאָריס שוואַרץ. דער דירעקטאָר פון „קונסט-טעאַטער" קלאָגט זיך, אַז נאָך צעהן יאָהר שווערע אַרבייט, האָט ער נאָך נישט קיין איינגענעם פּובליקום.

ער ברענגט כאַראַקטעריסטישע פאַקטען: „נאָך א פאָרשטעלונג פון די „גאָלד-גרעבערס" האָט זיך א פרוי בעקלאָגט, אַז זי האָט צופיל געלאַכט. לאַכען איז טאַקי גוט. אָבער ווי ווייזט מען זיך עס נישט אויס דאָס יודישע האַרץ אין א יודישען טעאַטער? ווי ברענגט מען נישט א היים א פּאָר אויסגעווייקטע נאָז-טיכלעך?

צוויי מיידלעך האָבען געשריבען א בריוו און מיר געבעטען, אַז ביי די „שמידס מעכטער" זאָל איך אין לעצטען אַקט פאָרוועהן צוויי חופות, פאַר ביידע שוועסטער'ס, א חזן זאָל זינגען און דאָס פּובליקום וועט אונטערהעלפען.

ביי „טביח דעם מילכיגען" האָט דער עולם געשריגען, אַז שלום-עליכם זאָל זיך אַרויסקומען בויגען, ווייל אין אַנדערע טעאַטערס בוקען זיך די פערפאַסערס פאַר'ן חשוב'ען פּובליקום.

שוואַרץ ענדיגט:

ס'איז נישט גוט. איך בין זיך מודה, אַז איך האָב נישט קיין פּובליקום. אַלע אַקטיאָרען האָבען עס, נאָר איך נישט. ווען איך דריק אויס פאַר עמיצען מיינע פּעסימיסטישע געדאַנקען, טרייסטען מיר גוטע אָפּטימיסטישע מענשען, אַז אין צעהן יאָהר אַרום וועל איך, מיט גאָט'ס הילף, אפשר יאָ פערמאָגען אַנ'עולם. אָבער ס'איז קאַלטע לאָקשען. וואו איז דאָס פּובליקום איצט? ווי אַזוי האַלט מען איצט אויף דעם קונסט-טעאַטער?

איז מעגליך א מלחמה צווישען ענגלאַנד און אַמעריקא?

געהט צווישען ביידע לענדער צו בויען שטאַרקערע פלאָטען און די סכנה פאַר'ן וועלט-שלום.

II.

צוזאַמען מיט דער טראַדיציע פון גרעסטען פלאָט אין דער וועלט האָט זיך אין ענגלאַנד אויסגעאַרבייט אין פערלויף פון פיל יאָהרען נאָך א צווייטע טראַדיציע, וועלכע איז אייגענטליך בלויז א וויכטיגע ענטוויקלונג פון דער ערשטער. דאָס איז די טראַדיציע פון דער אַזוי גערופענער „פרייהייט פון ים".

וואָס איז אַזוינס די דאָזיגע „פרייהייט פון די ימים" איז נישט גרינג צו ערקלערען, ווייל אין ענגלאַנד און אויסער ענגלאַנד ווערט עס אַנדערש אויסגעטייטשט. אויבערפלעכליך הייסט עס, אַז די ימים דאַרפען געהאַלטען ווערען פריי פאַר די שיפען פון יעדען פאָלק. אויף דער יבשה איז די הערשאַפט צוטיילט צווישען פערשידענע פעלקער. עס זענען פאַראַן גרעניצען פון מלוכות און פון איין מלוכה צו דער אַנדערער קען מען נישט גרינג אַריבערגעהן, אויפ'ן ים זענען אַזעלכע גרעניצען נישטאָ. די ימים בעלאַנגען צו אַלעמען גלייך, אַלע שיפען זענען פריי צו פאָהרען, וואוהין זיי ווילען און קיינער טאָר זיי נישט שטערען אין זייערע רייזעס.

אויף ווי ווייט אָט דער שעהנער פּרינציפּ הערשט אין דער וועלט האָט איהם טאַקע איינגעפיהרט ענגלאַנד.

איין חסרון בלויז קען מען אויפווייזען געגען ענגלאַנד אַלס ים-פּאָליציאַנט פון דער וועלט און דאָס איז וואָס, שטענדיג, ווען ענגלאַנד האָט זיך געפונען אין א מלחמה מיט וועלכען עס איז פאָלק, האָט די „פרייהייט פון די ימים" אויפגעהערט צו עקזיסטירען פאַר יענעם פאָלק און פאַר אַלע אַנדערע פעלקער, וועלכע פלעגען איהם העלפען. אַזוי ווי זי איז שטענדיג געווען די הערשערין פון ים, פלעגט ענגלאַנד יעדעס מאָל, ווען זי פלעגט אַריינטרעטען אין א מלחמה מיט א לאַנד, גלייך פאַרמאַכען פאַר יענעם פאָלק די וועגען פון ים. די שיפען פון שונא פלעגען זיך מעהר נישט קענען בעוועגען אויפ'ן ים און אפילו די נייטראַלע שיפען, וועלכע פלעגען פיהרען שפּייז, אַנדערע פּראָדוקטען פאַר'ן שונא, פלעגען נישט דורכגעלאָזט ווערען פון דעם ענגלישען ים-פּאָליציאַנט. אין אַנדערע ווערטער הייסט עס, אַז דער פּאָליציאַנט האָט געהאַלטען אָרדנונג איבער די ים-וועגען נור אין זיינע אייגענע אינטערעסען, נישט אין די אינטערעסען פון דער גאַנצער וועלט, די „פרייהייט פון די ימים" איז געווען אַנ'אמת'ע פרייהייט פאַר אַלעמען נור אין צייט פון שלום, אין א צייט פון מלחמה האָט די דאָזיגע פרייהייט געגאָלטען נור ענגלאַנד און איהרע פריינד, איהרע שונאים און איהרע שונאים'ס פריינד האָבען פון קיין פרייהייט פון ים דאַן נישט געוואוסט.

דאָס איז געווען די ענגלישע טאַקטיק אין יעדער מלחמה פון די לעצטע פאַר הונדערט יאָהר. ווי נור ענגלאַנד פלעגט ערקלערען וועמען קריג, פלעגט זי גלייך פערשפּאַרען די ים-וועגען און ערקלערען קעגען איהר שונא א ים-בלאָקאַדע. דאָס איז געווען ענגלאַנד'ס גרעסטער וואָפען, מיט דעם האָט זי געבראָכען נאַפּאָלעאָנען מיט א הונדערט יאָהר צוריק און מיט דעם האָט זי אויך געבראָכען דייטשלאַנד אין לעצטען קריג.

דאָס אַלעס האָט זי אָבער נור געקענט טון, ווען זי איז געווען די איינציגע הערשערין איבער'ן ים; ווען בלויז איהרע שיפען האָבען בעוואַכט די ים וועגען, ווי איז אָבער, אַז איצט האָט אַמעריקא ריכטיג אַזאַ גרויסען, און אפשר נאָך גרעסערען פלאָט פון ענגלאַנד, וואָס וועט איצט זיין מיט אָט דער „פרייהייט פון ים"? עס איז גרינג צו זעהען, וואָס פאַר א קאָמפּליקאַציעס עס מוזען אויפשטיין, לאָמיר נעהמען אַלס בייספּיל, אַז ענגלאַנד האָט ערקלערט מלחמה רוסלאַנד. אַמעריקא איז אין אָט דער מלחמה גאָרנישט פעראינטערעסירט, זי מישט זיך נישט און שטייט נישט אויף קיין איין צד, זי איז נייטראַל. רוסלאַנד באַשטעלט פון אַמעריקא מאַשינען, אָדער אַנדערע פּראָדוקטען. אַלס נייטראַלע לאַנד מעג אַמעריקא די סחורות צושיקען קיין רוסלאַנד. ענגלאַנד האָט אָבער ערקלערט, ווי דער שטייגער איז, א בלאָקאַדע קעגען רוסלאַנד און וועט די אַלע פּראָדוקטען אָפּשטעלען. (ווען ענגלאַנד זאָל דאָס נישט טון, האָט זי אין אַלגעמיין קיין מאַכט נישט קעגען איהר שונא, איהר איינציגע קראַפט ליגט בלויז אין אָט דער בלאָקאַדע), וועט אָבער אַמעריקא ערלויבען אַזאַ זאַך? וועט אַזאַ מאַכט ווי די אַמעריקאַנער ערלויבען, אַז איהרע רעכט אַלס נייטראַלע מדינה זאָלען אויף אַזאַ אופן פערלעצט ווערען? זעלבסטפערשטענדליך, אַז נישט, און דאָס מוז דערום פיהרען צו א מלחמה.

דאָס איז נישט קיין פראַגע פון איינצעלהייטען, אָדער פון קליינינקייטען, וועגען וועלכע מען קען קומען צו א פערשטענדיגונג. דאָ האַנדעלט זיך אין גאַנץ זעהר פונדאַמענטאַלע פּרינציפּען, וועלכע זענען פון לעבענס-וויכטיגקייט פאַר ביידע פעלקער, ענגלאַנד מוז האָבען די אַבסאָלוטע מעגליכקייט איינצופיהרען קעגען איהר שונא א ים בלאָקאַדע, ווייל אָהן דעם ווערט זי אויס גרויסמאַכט און פערלירט איהר שטעלונג אין דער וועלט, אַמעריקא ווידער מוז אויך האָבען איהרע רעכט אַלס נייטראַלע מאַכט צו האַנדלען, מיט וועמען זי וויל. ביידע פעלקער וועלען שטעהען אויפ'ן פּרינציפּ פון דער „פרייהייט פון ים" און ביידע וועלען נישט קענען נאָכגעבען.

אויף אַזאַ אופן קען זעהר גרינג קומען צו א צוזאַמענשטויס צווישען ביידע. עס איז אפילו גאָרנישט נויטיג, אַז עס זאָל אויסבראַכען א מלחמה דירעקט צווישען ענגלאַנד און אַמעריקא. עס איז גענוג, אַז ענגלאַנד זאָל אַריינטרעטען נאָך אין א מלחמה אפילו מיט אַנ'אַנדער פאָלק און א צוזאַמענשטויס מיט אַמעריקא איז אונפערמיידליך.

היסטאָריקער פון וועלט-קריג ווייסען, אַז אייגענטליך האָט עס געהאַלטען גאָרנישט ווייט פון אַזאַ צוזאַמענשטויס פון ענגלאַנד מיט אַמעריקא אפילו בעת'ן לעצטען קריג, פאַר א געוויסער צייט פאַר דעם „לוזיטאַניע" האָט עס געהאַלטען פיל נעהנטער דערצו, אַז אַמעריקא זאָל ערקלערען קריג ענגלאַנד, איידער דייטשלאַנד, ווען נישט די דייטשע ים-טעטיגקייט וואָלט אפשר דערצו אויך געקומען. אַמעריקא האָט אין לעצטען קריג און וועט אויך אין יעדען קומענדען קריג בעשטעהן בלויז אויף איין זאַך: אויף איהרע רעכט אויף דער פרייהייט פון ים, זי וועט זיך נישט לאָזען דיקטירען פון קיינעם, מיט וועמען זי זאָל יאָ און מיט וועמען זי זאָל נישט האַנדלען, דאָס איז פאַר אַמעריקא אַזאַ וויכטיגער פּרינציפּ, ווי די „מאָנראָ דאָקטרין", און דאָס מוז פיהרען צו א צוזאַמענשטויס מיט ענגלאַנד. ביי דער יעצטיגער צייט קען אויסגעמיטען ווערען א קריג צווישען ענגלאַנד מיט אַמעריקא נור דאַן, ווען די ביידע פעלקער זאָלען, אַזוי ווי אין דער לעצטער מלחמה, פעראייניגט קעגען דעמזעלבען שונא. ווי נאָר אָבער אַזאַ פעראייניגונג איז נישטאָ, איז א מלחמה צווישען ענגלאַנד און אַמעריקא נישט נור מעגליך, נור פּשוט אונפערמיידליך.

דאָס איז די אורזאַך פאַרוואָס מען איז איצט אין ענגלאַנד אַזוי בעזאָרגט וועגען די בעציהונגען מיט אַמעריקא, די דאָזיגע בעציהונגען זענען נישט קיין נאָרמאַלע, זיי קענען צו יעדער צייט זיך ענטוויקלען אין א גרויזאַמען קריזיס און ברענגען צו א מלחמה, סיידען, פערשטעהט זיך, ביידע פעלקער וועלען געצוואונגען איינזעהען דעם גרויסען אונגליק פון אַזאַ געשעהעניש און זיי היטען דאָס אונגליק מאַכען פאַר אונמעגליך.

דאָס קען ערצילט ווערען מיט'ן אָפּשאַפען פון מלחמה אין אַלגעמיין און פאַר אָט דעם ציל אַרבייטען איצט די רעכטדענקענדע מענשען אין ביידע לענדער, די פערשידענע שלום-פּלענער, וועלכע ווערען איצט פאָרגעשלאָגען, סיי אין אַמעריקא, סיי אין ענגלאַנד זענען בלויז פּראָבעס פון ביידע צדדים אויסצומיידען א וועלט-אונגליק, אין וועלכען ביידע פעלקער וועלען זיך געפינען אויפ'ן ערשטען פּלאַץ.

זאָלען די שלום-פּלענער חלילה דורכגעפאַלען, וועלען ענגלאַנד און אַמעריקא זיין די ערשטע פעלקער אין דער קומענדער גרויסער מלחמה.

קליינגעלד און גרויסע השגות
פון ד"ר א. מאַראַלניק.

שאַרל זשיד, דער אַלטמייסטער פון דער פראַנצויזישער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, איז אַרויסגעטרעטען די טעג מיט א פאָרשלאַג וועגען דער סטאַביליזאַציע פון דער פראַנצויזישער וואַליוטע. יאָהרען נאָכאַנאַנד ברעכט מען זיך אין פראַנקרייך דעם קאָפּ וועגען דער פראַגע פון דעם פראַנק. עס פאַלט ער, עס הויבט ער זיך. געווען א צייט, ווען ער איז שוין ווערט געווען כמעט צוויי סענט — זעקס און פערציג פראַנק צו א דאָלאַר — האָט די פראַנצויזישע רעגירונג אָנגענומען שטרענגע מיטלען, אָנגעגורט די לענדען, און דער פראַנק האָט זיך ווידער געהויבען. ער איז דערגאַנגען צו זיין איצטיגען צושטאַנד: אַנ'ערך פון פיער סענט פאַר א פראַנק.

אייגענטליך איז דאָס א קליינער חילוק, צי מען צאָהלט הונדערט פראַנק פאַר א צימער אין א האָטעל, אָדער צוואַנציג, לויט דעם אַלטען פינף-און-צוואַנציג סענט פאַר א פראַנק-פערהעלטניש — עס זענען דאָך נאָר פיר דאָלאַר, די אייגענע פיר דאָלאַר. און אפילו פאַר דעם איינוואוינער פון דעם לאַנד האָט עס אויך א קנאַפּע בעדייטונג. עס איז דאָך בלויז א פראַגע פון פאַל, פון אַריבערטראַגען געוויסע ווערט-איינהייטען אויף אַנ'אַנדער סקאַלע. און, ווי עס ווייזט אויס, לוינט עס זיך די פראַנצויזישע אינדוסטריעלער און סוחרים אָנצוהאַלטען די „נידעריגע וואַלוטא", אָדער די פיקציע פון דעם פראַנק.

אָבער פונדעסטוועגען האַלט מען אין פראַנקרייך אין איין פאָדערן די „סטאַביליזאַציע" פון דער וואַלוטא. עס איז א פּראָגראַם-פּונקט פון די סאָציאַליסטען און די סאָציאַל-ראַדיקאַלען, און זיי שפּיגלען זיכער אָפּ די שטימונג פון די ברייטע פאָלקסמאַסען. דער פאָלקס-מענש קען נישט פערטראָגען קיין אומזיכערקייט, קיין צושאַוקעלונג. ער מוז האָבען זיכערע, פעסטע ווערטען; ער מוז וויסען: אָט אַזוי און אַזוי פיל איז מיין געלד ווערט. און דאָס מיינט: אַזוי און אַזוי פיל — נישט מעהר, אָבער געוויס שוין נישט ווייניגער — בעקום איך פון דעם אויסטויש, דאָס איך מאַך: אַרבעט פאַר מיטלען צום לעבען.

דאָס איז דער איינציגער צוטרוי, וואָס ער האָט צו דער געזעלשאַפט, און פאַלט דער דאָזיגער צוטרוי, פאַלט מיט איהם די גאַנצע זיכערקייט פון זיין עקזיסטענץ.

מען האָט שוין פאָרגעשלאָגען פערשידענע תנאים און פאָרמולעס. „לאָז דער פראַנק ווערען סטאַביליזירט אויף זיין איצטיגען ווערט: פינף און צוואַנציג צו א דאָלאַר, אָבער לאָז די אומזיכערקייט, דאָס הוידען זיך נעמען א סוף". געוויס, עס איז ביטער פאַר דעם זעלבסטגעפיהל פון פראַנקרייך, פאַר איהר געציילטען שטאָלץ, אַז גראָד זי זאָל האָבען די קלענסטע וואַלוטא אין אייראָפּא; אָבער די פראַנצויזען זענען גרייט צו ברענגען אפילו דעם דאָזיגען קרבן — צוליב רוה.

פּואַנקאַרע איילט זיך נישט. ער איז צו-שטאַרק פערבונדען מיט די אינדוסטריעלע און עקספּאָרטירענדע קרייזען פון פראַנקרייך. ער איז אויך צו א גוטער, פאָרזיכטיגער פינאַנסיסט. ער האָט זיינע אייגענע פּלענער. און פראַנקרייך ווייסט דאָס.

קומט אָבער איצט פּראָפעסאָר שאַרל זשיד מיט א נייעם פאָרשלאַג, און עס איז א זעהר פּשוט'ער. ער איז: די אָפּשאַפונג פון דעם פראַנק. געווען, אָפּגעלעבט אַזוי פיל יאָהרען, געהאַט א רייכע און שעהנע פערגאַנגענהייט. צייט פאַר איהם צו שטאַרבען. איידער דערנידעריגט צו ווערען, ווערען א שאָטען פון זיך אַליין, לאָז ער בעסער איינגעהן, פערשווינדען און אָפּטרעטען זיין פּלאַץ אַנ'אַנדער ווערט-איינהייט, וואָס זאָל געשטעלט ווערען אויף נייע יסודות. אַזוי האָבען זיי עס געטון אין געוויסע קליינע מלוכות, פון די נאָך נייע, נאָכדעם ווי די אַלטע וואַלוטע איז היסטאָריש אונטערגעגאַנגען, און דער הויפּט-געדאַנק פון דער רעפאָרם איז: גרויס געלט. די גרונט-אידעע איז: אָפּשאַפען די פיקציע פון קליינגעלט, פון די אַמאָליגע מיניאַטור-ווערטען, וואָס זענען היינט שוין געוואָרען בלויז מיקראָסקאָפּישע גרויסען. ווער רעכענט היינט אין פראַנקרייך נאָך מיט סאַנטימס, דעם הונדערטסטען טייל פון א פראַנק? וואָס קען מען קריגען פאַר א סאַנטים? און פונדעסטוועגען בלאָנקען זיך אַרום אַריימע, אָפּגעריבענע, קופּערנע מטבעות, מיט היסטאָרישע פּנים'ער, דעם פּנים פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטען, און אַנדערע געשטאַלטען, אָדער סימבאָלען, געשטאַלטען פון א טויטער צייט, סימבאָלען פון אַן א מאָל, וואָס איז שוין כמעט אומפערשטענדליך. קיינער דאַרף זיי נים מעהר — נישט די סימבאָלען און נישט די מינצען. אָבער זיי בלאָנקען זיך אַרום, פערלענגערן די חשבונות, פערפינקלען די האַנדעלס-ביכער און דערוועקען ביי מענשען א מין בענקשאַפט נאָך דעם „שעהנעם א מאָל".

געוויס, עס איז א ריין-עקאָנאָמישע, פינאַנץ-טעכנישע פראַגע, און איך וויל זיך נישט אַריינלאָזען אין דעם פּראַקטישען, אָדער אפילו טעאָרעטישען תוך פון דער פראַגע.

עס איז אָבער דאָ אַנ'אַנדער מאָמענט, וואָס שטעהט איבער דער פּראַקטישער ווירטשאַפטליכקייט, אָדער אפילו איבער עקאָנאָמישע פּרינציפּען; א מאָמענט, וואָס איז נוגע נישט בלויז פראַנקרייך און איהרע פינאַנץ-שוועריגקייטען, נאָר דער גאַנצער קולטור-געזעלשאַפט פון היינט: דאָס פערשווינדען פון קליינע ווערטען.

איהר געדענקט די „חכמה" פון א מאָל: „ווער עס שטעהט נישט פאַר קיין גראָשען, איז נישט ווערט קיין גראָשען". איהר געדענקט די „מאָראַל" פון א מאָל: שפּאָר, לייג אָפּ פּרוטה צו פּרוטה, זאַמעל, וואַקס פון קליין אויף. ראָקפעללער'ס „מאָראַל", אַלט-אַמעריקאַנישע, אַלט-וועלטליכע לעבענס-פילאָזאָפיע. סאַמיועל סמאַילס איז געווען דער „נביא" פון אָט דער מאָראַל: „היט אָפּ די פּרוטה; דאָס גרויסע געלט וועט זיך שוין אַליין אָפּהיטען".

און אַזוי האָט מען געלעבט. די מאָראַל פון דעם גראָשען האָט געבוירען אויך די נשמה, וואָס ווערט א גראָשען. און האָט מען זיך געקענט לאָזען הרג'ענען פאַר „פּחות משוה פּרוטה", פאַר ווייניגער ווי א גראָשען, איז דאָס לעבען טאַקע נישט מעהר ווערט געווען, ווי א גראָשען, אָדער נאָך ווייניגער.

קליינע ווערטען, קליינע השגות: קליינע השגות — קליין לעבען. מיניאַטור אויף יעדען געביט.

עס איז אַנ'אינטערעסאַנטער פאַקט אין דער ביאָלאָגיע, אַז דער פאַרביטערטסטער, דער אַכזריות'דיגסטער קאַמף פאַר עקזיסטענץ געהט פאָר גראָד צווישען די גאַנץ קליינע, כמעט מיקראָסקאָפּישע אָרגאַניזמען. וואָס גרעסער דער אָרגאַניזם, אַלץ בעסער די בעציהונגען, וואָס רעגולירען זייער לעבען. די מאָראַל הויבט זיך אָן, וואו די קליינקייט הערט אויף. צווישען שוואַכע הונגעריגע איז נישטאָ קיין מאָראַל. און ניצשע איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געלייקענט די „מאָראַל פון די שוואַכע", און איהר ענטקעגענגעשטעלט א נייע מאָראַל, א פּרעכטיגע, א יאָ-זאָגענדע, א מאָראַל פון קראַפט און ווילען צו מאַכט — מאַכט איבער זיך אַליין.

(ענדע מאָרגען).

שטיצט די פסח-אקציע פון תומכי אורחים

לאדזשער כראניק.

צוגאב פאבאר-קאמיסיס פאר דעזערטירטע און מיליטער-פליכטיגע פון 1883 — 1906.

(פ) מארגען ווערט אין לאדזש אויף טראגוטא 10 מעמיג זיין א צוגאב פא־באר־קאמיסיע פאר די פערזאנען, וואס זענען געבוירען אין די יארען 1883 ביז 1906, וועלכע האבען נאך נישט קיין רעגולירטע באציהונג צום מיליטער־דינסט און זיי האבען נישט קיין מילי־טערישע בילעטער.

צו דער קאמיסיע דארפען זיך צו־שטעלען אלע מענער, וואס האבען דעם 1 אויגוסט 1927 געוואוינט אין לאדז און געהערען צו די פאליציי־קאמיסאר־יאטען: 1, 4, 6, 7, 10, 12, 13 און 14.

נאכט-דיזשור אין די אפטייקען.

היינט דיזשורירען פאלגענדע אפ־טייקען:

אנטאניעוויטש, פאביאניצער 50; לאנדזינסקי, פעטריקאווער 164; מאמא־לשוויטש, פושעיאזד 19; רעמביעלינסקי, אנדזשעיא 26; זונדעלעוויטש, בעטרי־קאווער 25; קאספערקעוויטש, זגערזשער 54; טראנאזוסקא, בושנושטשער 56.

א דרייסטער קאסע-איינברוך אין לאדז.

אין מיטען העלען טאג האט מען אויפגעריסען די קאסע פון „באנק אודזשאלאווי“ און צוגענומען 20 טויזענד זל.

(:) די איינברוכס גנבות און אוועק־שטעלונג חזר'ן זיך לעצטענס אזוי זעהר אפט. א פנים, אז מיר האבען דא צו טון מיט א גוט ארגאניזירטער באנדע קאסע־ברעכער. מ'האט נאך נישט פערגעסען דעם גרויסען קאסע איינברוך אין דער דיוואנסקען פאבריק אויף נאראטשא גאס, און שוין האבען מיר צו פערצייכענען א נייעם איינבראך, וואס שטייגט פיל איבער מיט זיין דרייסטיגקייט דעם פריהערדי־גען.

אין מיטען העלען טאג האבען די גע־שיקטע קאסע ברעכער זיך ארייגעבראכען עהרענטעלטע אין דער „באנק אודזשאלאווי“ (מאניושקא 10) און צודורכגע־פיהרט זייער פלאן אומגעשטערט.

אין דער חאזזער באנק געפינט זיך תמיד א וועכטער, וואס פערלאזט נישט דעם לאקאל אפילו אום זונטאג און און די חנאות טעג. היינטיגען זונטאג האט אבער דער שומר געמוזט אוועקגעהן 4 נאכמיטאג צו ערלעדיגען א דרינגענדען ענין פון דער באנק. צוריקקומענדיג מיט צוויי שעה שפעטער האט ער דערזעהן, אז די טירען פון דער באנק, וועלכע ער האט פערשלאסען, זענען ברייט גע־עפענט.

אין גאנצען לאקאל האט געהערשט א געוואלדיגע אינארדנונג. די איינברעכער האבען אויסגעשראקען די טיר פון די־רעקטאר'ס קאבינעט, וואו ס'האבען זיך געפונען צוויי אייזערנע קאסעס פון דעם ציינעסטען און מאדערנסטען סיסטעם. אויף דער פארלאגע פון קאבינעט זענען געבליבען ליגען צוויי פלאשען וואגנעפיל — טע מיט טלען.

ווי ס'האט זיך ארויסגעשטעלט, האבען די געשיקטע איינברעכער אויפגע־ריסען די אייזערנע קאסע מיט דער הילף פון טלען.

אין דער קאסע האבען זיך געפונען 10 טויזענד זל. מזומנים און פאר 10 טויזענד זל. ווערט פאפירען. די גנבים האבען זעלבסטפערשטענדליך, דאס אלע צוגענומען. נאך דעם האבען שטיקעל ארבייט האבען די גנבים געמאכט ויברח. זיי האבען מעהר נישט געוואלט פרובען גליק ביי דער צווייטער קאסע און נישט בערוהרט די ביורקעס.

